**גוט שבת אלע אידן.** דער זינד פון לשון הרע האט גורם געווען צרעת. חז"ל זאגן אז דאס איז מרומז אין דעם ווארט מצורע, וואס איז "מוציא שם רע" ד"ה איינער וואס רעדט שלעכטס אויף א צווייטן. דער "מעם לעז" ברענגט אז איינער וואס רעדט לשון הרע איז עובר אויף די חמישה חומשי תורה, ווייל ווען די תורה רעדט וועגן צרעת דערמאנט עס פינף לשונות פון "זאת תורת...", איין מאל אין די לעצטע וואכעדיגע סדרה, צוזאמען מיט פיר מאל וואס די תורה דערמאנט "זאת תורת..." אין די וואכעדיגע סדרה.

נישט לאנג צוריק איז ב"ה צושפרייט געווארן דעם לימוד פון שמירת הלשון. דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט ארויסגעגעבן עטליכע ספרים אויף דעם ענין. היינטיגע טעג לערנט מען איבעראל זיינע ספרים וואס זענען מפרט בפרטי פרטים די דינים פון לשון הרע. יעצט מיר גרייטן זיך צו צום יום טוב פון פסח. די ספרים הקדושים זאגן אז פסח איז א בחינה פון "פה סח" ד"ה א איד הייליגט זיך מיט זיין דיבור, היפך פון די מצריים וואס זענען געווען א בחינה פון פרעה ד"ה "פה רע" א שלעכטע מויל. איז לאמיר אביסל רעדן פונעם ענין פון שמירת הלשון.

דער חפץ חיים זי"ע מיט אן אנדערער רב זענען אמאל ארויסגעפארן אויף א נסיעה פון דריי טעג פאר א דבר מצוה אין א דארף אין פוילן. אויפן וועג צום דארף, האבן זיי זיך אפגעשטעלט אפצורוהן ביי א געוויסע קרעטשמע. יענע קרעטשמע איז באקאנט געווארן פאר די העכסטע סטאנדארט אין כשרות. די בעל הבית'טע האט געגעבן דעם ח"ח מיט דעם אנדערען רב, א באזונדערען טיש אין די קרעטשמע ביים עסן, כדי צו מכבד זיין די חשובע רבנים.

די בעל הבית'טע האט שנעל ארויסגעברענגט דאס עסן, און ווען זיי האבן געענדיגט, איז זי צוגעקומען צו זיי פרעגענדיק אויב אלעס איז באטעמט געווען. "נו, ווי אזוי האט אייך דאס עסן געפעלט דא ביי מיר?" האט זי געפרעגט.

"זייער גוט," האט דער ח"ח געזאגט צו איר. "עס איז געווען אויסגעצייכענט!" האט דער ח"ח צוגעלייגט.

"און דו, ווי אזוי האט דאס עסן דיר געפעלט?" האט זי געפרעגט דעם אנדערען רב. "אה, עס איז געווען גראדע גוט," האט ער אנגעהויבן צו זאגן, "אבער עס וואלט געקענט האבן מער זאלץ!"

ווען די פרוי איז אוועקגעגאנגען פונעם טיש, איז דער ח"ח געווארן ווייס אין זיין פנים און ער האט געזאגט, "איך גלייב עס נישט! מיין גאנצע לעבן, האב איך זיך צוריקגעהאלטן פון רעדן און הערן לשון הרע. און יעצט אז דער אייבערשטער האט מיך געמאכט קומען מיט דיר אויף די נסיעה... און איך דארף ליידן מיט הערן ווי דו רעדסט ל"ה! איך האב חרטה אז איך בין בכלל געקומען מיט דיר, און איך בין יעצט פארזיכערט אז דער צוועק פון אונזערע נסיעה איז נישט קיין עכטע מצוה, ווייל טאמער עס וואלט געווען א מצוה, וואלט דער אייבערשטער מיך נישט צוגעפירט אז דאס זאל געשען צו מיר."

זעענדיק ווי ווייט עס האט געשטערט דעם ח"ח, איז דער אנדערער רב געווארן נערוועז, און ער איז געווארן פיל מיט פחד.

"וואס האב איך דען געזאגט, וואס איז געווען אזוי שלעכט? איך האב געזאגט אז דאס עסן איז גוט, נאר איך האב צוגעלייגט אז עס האט געפעלט אביסל זאלץ!"

"דו פשוט פארשטייסט נישט דעם כח הדיבור." האט דער ח"ח גערוויינט צו אים, "די בעל הבית'טע קאכט לכאורה נישט דעם עסן אליין, נאר עס איז דא א קעכערין. אירע קעכערין איז אפשר א צובראכענע אלמנה וואס דארף דעם ארבעט צו מפרנס זיין אירע משפחה. יעצט צוליב דעם וואס דו האסט גערעדט, גייט די בעל הבית'טע גיין צוריק צום קאך און וועט זי האבן טענות קעגן די קעכערין אז דאס עסן האט נישט גענוג זאלץ. נאטורליך, וועט די אלמנה עס לייקענען... די בעל הבית'טע וועט דעמאלט רופן די קעכערין א ליגענער, און די צוויי פרויען וועלן זיך קריגן, און די בעל הבית'טע וועט זיך אויפרעגן און אפזאגן די קעכערין. קוקסט וויפיל עבירות דו האסט גורם געווען, דו האסט גערעדט ל"ה, דו האסט גורם געווען אז איך און די בעל הבית'טע מוזן הערן ל"ה, און דו האסט גורם געווען אז די בעל הבית'טע וועט דארפן נאכזאגן צו דער קעכערין דיין ל"ה וועגן איר – דאס הייסט רכילות, דו האסט גורם געווען די קעכערין צו זאגן ליגענט, דו האסט מצער געווען א אלמנה, און דו האסט גורם געווען א מחלוקת, וואס איז נאך אן איסור פון דער תורה!!!"

דער אנדערער רב האט געטענעט אז דער ח"ח האט מגזם געווען. "איז לאמיר גיין צום קאך צו זען וואס טוט זיך דארט." האט דער גדול געזאגט. אינעם קאך, האבן זיי טאקע געטראפן די בעל הבית'טע שרייען אויף א צובראכענע פרוי. ווען יענער רב האט דאס געזען, איז ער געלאפן צו די קעכערין און ער האט איר איבערגעבעטן. דאן האט ער שטארק געבעטן פון דער בעל הבית'טע אז זי זאל מוחל זיין די קעכערין און איר נישט אפזאגן פונעם ארבעט. ער האט אפילו פארגעלייגט פאר די בעל הבית'טע אז ער איז גרייט איר צו באצאלן נאר אז זי זאל מסכים זיין צו האלטן די קעכערין ביים ארבעט.

די בעל הבית'טע איז באמת געווען א גוטע אידענע און זי האט אויפגעהערט צו טשעפענען די קעכערין און זי האט איר פארזיכערט אז זי וועט נישט פארלירן איר שטעלע אלס קעכערין. שלום על ישראל.

יעצט אז יעדער איינער שטרענגט זיך אן פארן גרויסען הייליגען יום טוב פון פסח, דארף מען אכטונג געבן נישט צו פארלירן דעם סבלנות מיט יענעם, וואס דורך דעם קומט אויס אסאך מאל ל"ה. נאר, מען דארף געדענקן אז לשון הרע איז אן איסור דאורייתא וואס איז שקול קעגן אלע מצוות! פסח קומט איינמאל א יאר, אבער ל"ה איז א מצוה וואס מען מוז זיך צוריקהאלטן פון עובר זיין יעדע רגע. אויב עס מאכט זיך שווער פאר איינער זיך צוריקצוהאלטן פון רעדן דברים וועגן יענעם וואס טויגן נישט, זאל ער בכלל נישט רעדן וועגן אנדערע מענטשן. דורך זיך בעסערן אין שמירת הלשון, וועלן מיר אלע זוכה זיין צו די גאולה קרובה. ווייל די גאולה איז דאך געקומען אין פסח, און פסח איז א בחינה פון "פה סח", די אידישע מויל וואס רעדט וועגן יענעם נאר ווי עס דארף צו זיין. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה, לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה, לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:) - **נא לעיין דף זה לאחר התפילה**